# דעם רבינ'ס מעשיות

ספּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת מֵרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זיע"א

הַמַּעֲשֶׂה עִם הַבְּחִינוֹת בִּלְשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ - וְאִידִישׁ

## מעשה י'
## מבערגיר ועני (5)

גליון 65

## שַׁבַּת שָׁלוֹם קוֹרְאִים יְקָרִים

**"וְעַל הַיָּם הָיָה רוֹצֵחַ"** אַחֲרֵי שֶׁשָּׁמַעְנוּ עַל הַבֶּערְגִיר וְהֶעָנִי וְכָל הִשְׁתַּלְשְׁלוּת הַמַּעֲשֶׂה, מְסַפֵּר לָנוּ רַבֵּנוּ ז"ל עַל דְּמוּת חֲדָשָׁה, שֶׁלֹּא דִּבְּרוּ עָלָיו כְּלָל עַד עַכְשָׁו - **"הָרוֹצֵחַ"**. - **"וְהָרוֹצֵחַ שָׁמַע, שֶׁנִּמְצָא יְפַת-תֹּאַר כָּזוֹ בָּעוֹלָם, וְחָשַׁב לְתָפְסָהּ, אַף שֶׁהוּא לֹא הָיָה צָרִיךְ אוֹתָהּ"**. אִם נִרְצֶה לְקַשֵּׁר אֶת הַדְּבָרִים אֵלֵינוּ, אָז מִתְעוֹרֶרֶת הַשְּׁאֵלָה: מִי הוּא אוֹתוֹ רוֹצֵחַ, שֶׁלֹּא צָרִיךְ אוֹתָנוּ כְּלָל, וְרַק רוֹצֶה לִתְפֹּס אוֹתָנוּ בְּשַׂקּוֹ?? הָרוֹצֵחַ, הַכַּוָּנָה הַבַּעַל דָּבָר בְּעַצְמוֹ **"הוּא שָׂטָן הוּא יֵצֶר הָרָע הוּא מַלְאַךְ הַמָּוֶת"**. (בבא בתרא טז.) שֶׁרוֹצֶה לְאַבֵּד אוֹתָנוּ, אֶת "הַיְפַת תֹּאַר", שֶׁזֶּה כְּלַל נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, מֵחַיֵּי נֶצַח.

**וְכָךְ הִיא דַּרְכּוֹ שֶׁל הַבַּעַל דָּבָר תָּמִיד,** שֶׁמַּפְקִיר אֶת עַצְמוֹ וּמוּכָן לַעֲשׂוֹת הַכֹּל כְּדֵי לִתְפֹּס אוֹתָנוּ בַּשַּׂק שֶׁלּוֹ, כְּמוֹ שֶׁרַבֵּנוּ מְתָאֵר **"וְהָלַךְ הָרוֹצֵחַ וְקָנָה סְחוֹרוֹת רַבּוֹת מְאֹד מְאֹד רִבּוּי מֻפְלָג מְאֹד"**. אֵיזוֹ הַשְׁקָעָה, הוּא פּוֹתֵחַ עֵסֶק שָׁלֵם, מֵבִיא צִפֳּרִים וְשִׁבֳּלִים שֶׁל זָהָב, וּמַלָּחִים שֶׁיַּעַמְדוּ בַּחֶדֶר הַשֵּׁנִי וְיִמְשְׁכוּ בַּחוּטִים... הַרְבֵּה סַבְלָנוּת יֵשׁ לוֹ, הֲרֵי הָרוֹצֵחַ הָיָה צָרִיךְ לִמְכֹּר סְחוֹרוֹת רַבּוֹת מְאֹד עַד שֶׁהִגִּיעָה בַּת הַקֵּיסָר, וְגַם אַחַר כָּךְ, לְאַחַר שֶׁכְּבָר הִגִּיעָה, הִמְתִּין הַרְבֵּה עַד שֶׁהִגִּיעָה שׁוּב וָשׁוּב. **"בְּתוֹךְ כָּךְ נַעֲשֵׂית רְגִילָה אֶצְלוֹ, נִכְנֶסֶת וְיוֹצֵאת"**, עַד שֶׁהִצְלִיחַ לְתָפְסָהּ.

כִּי זֶה כְּלָל, **"שֶׁזֶּה לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה אֱלֹקִים"**. (קהלת ז' יד) כְּמוֹ **שֶׁהַצַּדִּיק** שֶׁמְּרֻמָּז עַל הַבֶּערְגִיר, הוּא מִצַּד הַקְּדֻשָּׁה **וְיֵשׁ לוֹ מְסִירוּת נֶפֶשׁ עַל כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל,** וְהוּא מִסְתַּכֵּל עַל כָּל אֶחָד וְאֶחָד לַהֲבִיאוֹ אֶל הַתַּכְלִית, כְּמוֹ שֶׁאָנוּ רוֹאִים שֶׁהַבֶּערְגִיר מָסַר נַפְשׁוֹ לְהַצִּיל אֶת אֵשֶׁת הֶעָנִי, וְהִטְמִין עַצְמוֹ בְּשִׁבְעָה מְקוֹמוֹת שֶׁל מַיִם וְכוּ', כָּךְ גַּם הָרוֹצֵחַ שֶׁהוּא מַלְכוּת הָרִשְׁעָה, הַיֵּצֶר הָרָע וְחֵילוֹתָיו שֶׁעוֹמְדִים **כְּנֶגֶד הַצַּדִּיק** מִצַּד הַטֻּמְאָה. אָנוּ רוֹאִים גַּם, שֶׁיֵּשׁ לוֹ (לָרוֹצֵחַ) אֶת אוֹתָן הַמִּדּוֹת, כִּבְיָכוֹל, כְּמוֹ הַבֶּערְגִיר, שֶׁמַּפְקִיר עַצְמוֹ לְגַמְרֵי, וְגַם הוּא הִטְמִין עַצְמוֹ עִם הַבַּת קֵיסָר בְּאֵלּוּ הַשִּׁבְעָה מֵימוֹת. - זֶה רַק נִרְאֶה אוֹתוֹ הַדָּבָר, **אַךְ אֶת הַהֶבְדֵּל רוֹאִים בַּסּוֹף... שֶׁהַצַּדִּיק,** כָּל עִנְיָנוֹ, שֶׁמּוֹכֵר לָנוּ מֵאוֹצְרוֹת הַיִּרְאַת שָׁמַיִם שֶׁלּוֹ, רַק בִּשְׁבִיל **לְהָבִיא אוֹתָנוּ אֶל הַתַּכְלִית,** וְהָרוֹצֵחַ הוּא הַהֵפֶךְ הַגָּמוּר. כְּמוֹ שֶׁאָנוּ רוֹאִים בַּמַּעֲשֶׂה, הוּא לֹא נִרְאֶה כְּלָל רוֹצֵחַ, אֶלָּא לְהֶפֶךְ, הוּא מִתְחַפֵּשׂ לְסוֹחֵר גָּדוֹל, (לְבֶּערְגִיר...) הוּא גַּם מִתְחַפֵּשׂ **לְצַדִּיק** וּמוֹכֵר לָנוּ מֵאוֹצְרוֹתָיו, אַךְ הַכֹּל שֶׁקֶר וַאֲחִיזַת עֵינַיִם. כָּל עִנְיָנוֹ הוּא רַק לְהֶפֶךְ, לְהַרְחִיק אוֹתָנוּ מֵהַתַּכְלִית.

**הַכְּלָל, שֶׁהַצַּדִּיק מֵבִיא אוֹתָנוּ לְחַיֵּי עוֹלָם הַבָּא,** וְהָרוֹצֵחַ מֵבִיא אוֹתָנוּ לִשְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת. **אַשְׁרֵי** מִי שֶׁמְּיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ הֵיטֵב, **וּמְחַפֵּשׂ אֶת הָאֱמֶת לַאֲמִתָּהּ בְּכָל דָּבָר,** וְלֹא מִתְבַּלְבֵּל מִפִּתּוּיֵי הַבַּעַל דָּבָר עַל שְׁלַל הַצָּעוֹתָיו, פִּרְסוּמָיו וְרַעְיוֹנוֹתָיו, שֶׁמַּמְצִיא בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ כְּדֵי לְהָבִיא אוֹתָנוּ אֵלָיו וְלִמְשֹׁךְ אוֹתָנוּ לְהַבְלֵי עוֹלָם הַזֶּה, וְהַכֹּל בְּמַסְוֶה שֶׁל לְשֵׁם שָׁמַיִם... בְּכַשְׁרוּת מְהֻדֶּרֶת לְמַעֲנֵנוּ וּלְמַעַן בֵּיתֵנוּ... **אַשְׁרֵי** מִי שֶׁמֵּבִין כִּי **"אֵין לוֹ עֵצָה וּמָנוֹס כִּי-אִם לִשָּׂא עֵינָיו וְלִבּוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְכָךְ צְרִיכִין בְּכָל עֵת לְהִתְבּוֹדֵד וְלִצְעֹק לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כִּי הָאָדָם בְּסַכָּנָה גְּדוֹלָה בְּזֶה הָעוֹלָם"**. (שיחות הרן קי"ז) וְעַל יְדֵי הַצְּעָקָה לְבַד, כְּבָר יוֹצְאִים מִידֵי הָרוֹצֵחַ, כְּמוֹ שֶׁאָנוּ רוֹאִים בַּמַּעֲשֶׂה **"וְהָיָה מַפְחִיד אוֹתָהּ, שֶׁלֹּא תִּצְעַק"**. הַבַּעַל דָּבָר יוֹדֵעַ הֵיטֵב מַה נַּעֲשֶׂה לְמַעְלָה מֵהַצְּעָקָה שֶׁלָּנוּ. כָּל גְּאֻלַּת מִצְרַיִם הִתְחִילָה מִ**"וַנִּצְעַק אֶל ה' אֱלֹקֵי אֲבֹתֵינוּ"... - "וַיּוֹצִאֵנוּ ה' מִמִּצְרַיִם"** (דברים כ"ו, ז'-ח'), עַל כֵּן הוּא עוֹמֵד עַל זֶה בְּיוֹתֵר, לְהַפְחִיד וּלְהַשְׁתִּיק אוֹתָנוּ, שֶׁרַק לֹא נִצְעַק, עַל כֵּן עִקַּר הִתְגַּבְּרוּת הַיֵּצֶר אִם כְּבָר נָפַלְנוּ ח"ו בְּשַׂקּוֹ, **הוּא לֹא לְפַחֵד לִצְעֹק וְלִזְעֹק לַה' יִתְבָּרַךְ בְּקוֹל גָּדוֹל,** עַד שֶׁיִּשְׁמַע ה' אֶת קוֹלֵנוּ, וְיוֹצִיאֵנוּ מִמֵּצַר גָּלוּת נַפְשֵׁנוּ וְיִגְאָלֵנוּ. **אָמֵן!**

**שַׁבַּת שָׁלוֹם וּמְבֹרָךְ!**



**פַּעַם אַחַת בָּאתָה אֶצְלוֹ**, וְהָלַךְ וּפָתַח לָהּ הַחֶדֶר, שֶׁהָיוּ עוֹמְדִים שָׁם הַצִּפֳּרִים שֶׁל זָהָב וְכוּ', וְרָאֲתָה, שֶׁהוּא חִדּוּשׁ נִפְלָא. וְרָצוּ גַּם הָאֲחֵרִים, הַיְנוּ הַחַיִל לִכָּנֵס, וְאָמַר: לָאו לָאו! **זֶה אֵינִי מַרְאֶה לְשׁוּם אָדָם**, רַק אֵלַיִךְ שֶׁאַתְּ בַּת הַקֵּיסָר, אֲבָל לַאֲחֵרִים אֵינִי רוֹצֶה כְּלָל.

**וְנִכְנְסָה הִיא בְּעַצְמָהּ.** וְהָלַךְ גַּם הוּא אֶל הַחֶדֶר וְנָעַל הַדֶּלֶת, וְעָשָׂה כִּפְשׁוּטוֹ, שֶׁלָּקַח שַׂק **וְהִנִּיחָהּ בְּעַל־כָּרְחָהּ בְּתוֹךְ הַשַּׂק**, וּפָשַׁט מִמֶּנָּה מַלְבּוּשֶׁיהָ וְהִלְבִּישָׁם אֶת מַאטְרָאס אֶחָד וְכִסָּה פָּנָיו וּדְחָפוֹ לַחוּץ וְאָמַר לוֹ: לֵךְ!

**וְהַמַּאטְרָאס הַזֶּה** הוּא אֵינוֹ יוֹדֵעַ כְּלָל מַה נַּעֲשֶׂה עִמּוֹ, וְתֵכֶף שֶׁיָּצָא לַחוּץ וּפָנָיו מְכֻסֶּה, וְהַחַיִל לֹא יָדְעוּ, וְהִתְחִילוּ לֵילֵךְ עִמּוֹ מִיָּד, כִּמְדֻמֶּה לָהֶם **שֶׁזֹּאת הִיא הַבַּת הַקֵּיסָר.** וְהוּא (הַיְנוּ הַמַּאטְרָאס) הוֹלֵךְ עִם הַחַיִל שֶׁהוֹלִיכוּהוּ, וְלֹא יָדַע הֵיכָן הוּא כְּלָל, עַד שֶׁבָּא לְשָׁם, לַחֶדֶר שֶׁהָיְתָה הַבַּת קֵיסָר יוֹשֶׁבֶת שָׁם, וְגִלּוּ פָּנָיו וְרָאוּ שֶׁהוּא מַאטְרָאס. **וְנַעֲשָׂה רַעַשׁ גָּדוֹל** (וְאֶת הַמַּאטְרָאס טָפְחוּ עַל פָּנָיו הֵיטֵב הֵיטֵב וּדְחָפוּהוּ, כִּי הוּא אֵינוֹ חַיָּב, כִּי לֹא יָדַע כְּלָל).

**וְהָרוֹצֵחַ לָקַח אֶת הַבַּת הַקֵּיסָר** וְיָדַע, שֶׁבְּוַדַּאי יִרְדְּפוּ אַחֲרָיו. וְהָלַךְ מִן הַסְּפִינָה **וְטָמַן עַצְמוֹ עִמָּהּ בְּבוֹר** שֶׁהָיָה בּוֹ מֵי גְּשָׁמִים, עַד שֶׁיַּעֲבֹר הָרַעַשׁ,

**וְאֶת הַמַּאטְרָאסִין שֶׁל הַסְּפִינָה** צִוָּה, שֶׁתֵּכֶף וּמִיָּד יַחְתְּכוּ הָאַנְקֶירְס וְיִבְרְחוּ מִיָּד, כִּי בְּוַדַּאי יִרְדְּפוּ אַחֲרֵיהֶם, וּבְוַדַּאי לֹא יִהְיוּ רוֹבִים אֶל הַסְּפִינָה מֵחֲמַת הַבַּת קֵיסָר, שֶׁהֵם סְבוּרִים, שֶׁהִיא שָׁם בַּסְּפִינָה, רַק שֶׁיִּרְדְּפוּ אֶתְכֶם, וְעַל כֵּן תִּבְרְחוּ מִיָּד. וְאִם יַשִּׂיגוּ אֶתְכֶם - יַשִּׂיגוּ, מַה בָּזֶה? **כְּדֶרֶךְ הָרוֹצְחִים, שֶׁאֵינָם מַשְׁגִּיחִין עַל עַצְמָן כְּלָל.**

**וְכֵן הָיָה, שֶׁנַּעֲשָׂה רַעַשׁ**, וְרָדְפוּ תֵּכֶף אַחֲרֵיהֶם, **אַךְ לֹא מְצָאוּהָ שָׁם.**

**וְהָרוֹצֵחַ הֶחְבִּיא עַצְמוֹ עִמָּהּ בְּבוֹר** שֶׁל מֵי גְּשָׁמִים, וְהָיוּ מֻנָּחִים שָׁם. וְהָיָה מַפְחִיד אוֹתָהּ, **שֶׁלֹּא תִּצְעַק**, שֶׁלֹּא יִשְׁמְעוּ בְּנֵי־אָדָם, וְהָיָה אוֹמֵר לָהּ: אֲנִי מָסַרְתִּי נַפְשִׁי בִּשְׁבִילֵךְ כְּדֵי לְתָפְסֵךְ, וְאִם אַפְסִיד אוֹתָךְ, **אֵין חַיַּי נֶחֱשָׁבִים אֶצְלִי כְּלוּם** מֵאַחַר שֶׁכְּבָר אַתְּ בְּיָדִי, אִם אֶחֱזֹר וְאַפְסִיד אוֹתָךְ וְתִמְנְעִי מִמֶּנִּי, **אֵין חַיַּי נֶחֱשָׁבִים אֶצְלִי מְאוּמָה כְּלָל**, עַל כֵּן תֵּכֶף שֶׁתִּתְּנִי **צְעָקָה**, אֶחֱנֹק אוֹתָךְ מִיָּד, וְיַעֲבֹר עָלַי מָה, **כִּי אֵינִי שָׁוֶה בְּעֵינַי כְּלוּם.**

**וַתִּירָא לְנַפְשָׁהּ מִפָּנָיו** (הַיְנוּ הַבַּת קֵיסָר הָיְתָה יְרֵאָה לִצְעֹק מִפְּנֵי אֵימַת הָרוֹצֵחַ). אַחַר־כָּךְ יָצָא מִשָּׁם עִמָּהּ וְהוֹלִיךְ אוֹתָהּ בָּעִיר, וְהָיוּ הוֹלְכִים וְהוֹלְכִים, וּבָאוּ לְמָקוֹם אַחֵר, וְהֵבִין, שֶׁגַּם שָׁם מְחַפְּשִׂים, **וְהֶחְבִּיא עַצְמוֹ עִמָּהּ עוֹד בְּמִקְוֶה,**

**וְכֵן יָצָא מִשָּׁם**, וְהָלַךְ וְהֶחְבִּיא עִמָּהּ עוֹד בְּמָקוֹם אַחֵר, עַד שֶׁהָיָה מַחְבִּיא עַצְמוֹ עִמָּהּ **בְּכָל הַשִּׁבְעָה מְקוֹמוֹת, שֶׁהֶחְבִּיא הַבֶּערְגִּיר עִם אִמָּהּ**, כַּנַּ"ל, שֶׁהֵם **הַשִּׁבְעָה עֵדִים** הַנַּ"ל (הַיְנוּ שִׁבְעָה מִינֵי מַיִם, שֶׁהֵם בּוֹר וּמִקְוֶה וּמַעְיָן וְכוּ' כַּנַּ"ל) עַד אֲשֶׁר בָּא אֶל הַיָּם.

**וְחִפֵּשׂ שָׁם לִמְצֹא** עַל כָּל פָּנִים סְפִינָה קְטַנָּה שֶׁל צַיָּדֵי דָגִים כְּדֵי לַעֲבֹר עִמָּהּ, וּמָצָא סְפִינָה, וְלָקַח אֶת בַּת הַקֵּיסָר. וְהוּא לֹא הָיָה צָרִיךְ אוֹתָהּ, כִּי הָיָה סָרִיס כַּנַּ"ל, אַךְ הָיָה רוֹצֶה לְמָכְרָהּ לְאֵיזֶה מֶלֶךְ, וְהָיָה מִתְיָרֵא פֶּן יִתְפְּסוּ אוֹתָהּ מִמֶּנּוּ. וְהָלַךְ וְהִלְבִּישׁ אוֹתָהּ בְּבִגְדֵי מַאטְרָאס, **וְנִדְמֵית לְזָכָר**. וְעָבַר עִמּוֹ בַּיָּם.

**(מִכָּאן וּלְהַלְאָה נְדַבֵּר עַל הַבַּת קֵיסָר בִּלְשׁוֹן זָכָר, כִּי בְּלָשׁוֹן זֶה סִפֵּר רַבֵּנוּ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, מֵחֲמַת שֶׁהָרוֹצֵחַ הִלְבִּישׁ אוֹתָהּ כְּמוֹ זָכָר).**

**וּבָא רוּחַ סְעָרָה** וְנָשָׂא הַסְּפִינָה אֶל הַסְּפָר וְשָׁבַר אֶת הַסְּפִינָה, וּבָאוּ אֶל אוֹתוֹ הַסְּפָר שֶׁהָיָה מִדְבָּר הַנַּ"ל, שֶׁהָיָה שָׁם הַבָּחוּר הַנַּ"ל.

**בְּבוֹאָם לְשָׁם,** וְהַגַּזְלָן הָיָה בָּקִי בַּדְּרָכִים כְּדַרְכָּם וְיָדַע, שֶׁכָּאן הוּא מְקוֹם מִדְבָּר, שֶׁאֵין מַגִּיעִים הַסְּפִינוֹת לְכָאן, עַל כֵּן לֹא הָיָה מִתְיָרֵא כָּאן מִשּׁוּם אָדָם, וְהִנִּיחָהּ וְהָלְכוּ (הַיְנוּ הָרוֹצֵחַ וּבַת הַקֵּיסָר) זֶה לְכָאן וְזֶה לְכָאן לְבַקֵּשׁ לָהֶם אֹכֶל, **וְנִתְרַחֵק מִן הַגַּזְלָן,**

**וְהַגַּזְלָן הָלַךְ בְּדַרְכּוֹ** וְרָאָה, וְהִנֵּה **אֵינָהּ אֶצְלוֹ.** וְהִתְחִיל לִצְעֹק אֵלֶיהָ, וְהִיא יֹשֶׁבֶת עַצְמָהּ, **וְלֹא הֵשִׁיבָה לוֹ.** (כִּי אָמְרָה) מֵאַחַר שֶׁסּוֹפִי יִהְיֶה שֶׁיִּמְכֹּר אוֹתִי, לָמָּה לִי לְהָשִׁיב לוֹ? וְאִם יַחֲזֹר וְיַגִּיעַ אֶצְלִי, אָשִׁיב לוֹ, שֶׁלֹּא שָׁמַעְתִּי, בִּפְרָט כִּי אֵין רְצוֹנוֹ לְהָרְגֵנִי, כִּי הוּא צָרִיךְ לִמְכֹּר אוֹתִי; וְלֹא הֵשִׁיבָה אוֹתוֹ,

**וְהָלְכָה לְהַלָּן.** וְהוּא, הַגַּזְלָן, מְחַפֵּשׂ אָנֶה וָאָנָה, וְלֹא מְצָאָהּ, **וְהָלַךְ לְהַלָּן,** וְלֹא מְצָאָהּ, וּמִן הַסְּתָם אֲכָלוּהוּ חַיּוֹת רָעוֹת.

**וְהִיא הָלְכָה לְהַלָּן לְהַלָּן,** וְהָיְתָה מוֹצֵאת לָהּ אֵיזֶה אֹכֶל. וְהָלְכָה, עַד שֶׁהִגִּיעָה אֶל הַמָּקוֹם, שֶׁהָיָה יוֹשֵׁב שָׁם הַבָּחוּר הַנַּ"ל. וּכְבָר נִתְגַּדְּלָה בִּשְׂעָרוֹת וְגַם הָיְתָה לְבוּשָׁה כְּמוֹ זָכָר בְּבִגְדֵי מַאטְרָאס, כַּנַּ"ל, **וְלֹא הִכִּירוּ זֶה אֶת זֶה.**

**וְתֵכֶף בְּבוֹאָהּ** בָּא לוֹ **שִׂמְחָה** שֶׁבָּא עוֹד אָדָם. וְשָׁאַל אוֹתוֹ: מֵאַיִן בָּאתָ לְכָאן? הֵשִׁיבָה: הָיִיתִי עִם אֵיזֶה סוֹחֵר בַּיָּם וְכוּ'. שָׁאֲלָה אוֹתוֹ: מֵאַיִן בָּאתָ אַתָּה לְכָאן? הֵשִׁיב לָהּ: גַּם־כֵּן עַל־יְדֵי אֵיזֶה סוֹחֵר וְכוּ'. **וְיָשְׁבוּ שָׁם שְׁנֵיהֶם.** (אֵין הַלָּשׁוֹן מְדֻקְדָּק, כִּי פַּעַם הִיא נִקְרֵאת בִּלְשׁוֹן זָכָר, וּפַעַם - בִּלְשׁוֹן נְקֵבָה).

**וְאַחַר שֶׁנִּלְקְחָה בַּת הַקֵּיסָר** מִן הַקֵּיסָר, כַּנַּ"ל, הָיְתָה הַקֵּיסָרִית מְקוֹנֶנֶת וּמַכָּה רֹאשָׁהּ בַּכֹּתֶל עַל אֲבֵדַת בִּתָּהּ, וְהָיְתָה מְצַעֶרֶת בִּדְבָרִים מְאֹד אֶת הַקֵּיסָר, **שֶׁעַל־יְדֵי גַּסּוּתוֹ** אִבֵּד אֶת הַבָּחוּר הַנַּ"ל, **וְעַתָּה אִבֵּד בִּתָּם** (וְאָמְרָה): הֲלֹא הִיא הָיְתָה כָּל הַמַּזָּל וְהַצְלָחָה שֶׁלָּנוּ, וְאִבַּדְנוּ אוֹתָהּ **וּמַה יֵּשׁ לִי עוֹד הַיּוֹם?**

**וְהָיְתָה מְצַעֶרֶת אוֹתוֹ מְאֹד.** וּבְוַדַּאי גַּם אֵלָיו בְּעַצְמוֹ הָיָה צַר מְאֹד עַל אֲבֵידַת בִּתּוֹ, וְעוֹד הָיְתָה הַקֵּיסָרִית מְצַעֶרֶת וּמְכַעֶסֶת אוֹתוֹ מְאֹד, וְנַעֲשׂוּ קְטָטוֹת וּכְעָסִים בֵּינֵיהֶם. וְהָיְתָה מְדַבֶּרֶת לוֹ דְּבָרִים רָעִים, עַד שֶׁהִכְעִיסָה אוֹתוֹ מְאֹד, **עַד אֲשֶׁר אָמַר לְשַׁלְּחָהּ.** וְהוֹשִׁיב דַּיָּנִים, וּפָסְקוּ לְשַׁלְּחָהּ, **וְשִׁלְּחוּהָ,** (שֶׁקּוֹרִין פַּאר שִׁיקְט).

**אַחַר־כָּךְ הָיָה הַקֵּיסָר שׁוֹלֵחַ לַמִּלְחָמָה,** וְלֹא הָיָה מַצְלִיחַ, וְהָיָה תּוֹלֶה הַדָּבָר בְּאֵיזֶה יֶעדְנִירַאל, שֶׁבִּשְׁבִיל שֶׁעָשִׂיתָ כָּךְ עַל־יְדֵי זֶה אִבַּדְתָּ הַמִּלְחָמָה. **וְשִׁלַּח אוֹתוֹ.** אַחַר־כָּךְ שָׁלַח עוֹד לַמִּלְחָמָה, וְלֹא הִצְלִיחַ. **וְשִׁלַּח עוֹד יֶעדְנִירַאלִין** (הַיְנוּ פַּר שִׁיקְט), וְכֵן **שִׁלַּח כַּמָּה יֶעדְנִירַאלִין.**

**וְרָאוּ בְּנֵי הַמְּדִינָה, שֶׁעוֹשֶׂה דְּבָרִים זָרִים:** בִּתְחִלָּה שִׁלַּח הַקֵּיסָרִית, אַחַר־כָּךְ יֶעדְנִירַאלִין, וְיָשְׁבוּ עַצְמָן: אֶפְשָׁר לְהֵפֶךְ: לְשַׁלֵּחַ אַחַר הַקֵּיסָרִית, **וְאוֹתוֹ יְשַׁלְּחוּ,** וְהַקֵּיסָרִית תִּנְהַג הַמְּדִינָה. וְכֵן עָשׂוּ. **וְשִׁלְּחוּ אֶת הַקֵּיסָר,** וְהֵשִׁיבוּ אֶת הַקֵּיסָרִית, וְהִיא נָהֲגָה הַמְּדִינָה.

**וְהַקֵּיסָרִית שָׁלְחָה תֵּכֶף** לְהַחֲזִיר אֶת הַבֶּרְגֶּיר עִם אִשְׁתּוֹ הַבֶּערְגֶּירִין וְהִכְנִיסָה אוֹתוֹ **בַּפָּלָטִין** שֶׁלָּהּ.

**וְהַקֵּיסָר,** כְּשֶׁהָיָה נִשְׁלָח, עָמַד וּבִקֵּשׁ מֵהַמּוֹלִיכִים אוֹתוֹ שֶׁיַּנִּיחוּהוּ, כִּי אַף־עַל־פִּי־כֵן הָיִיתִי קֵיסָר שֶׁלָּכֶם, וּבְוַדַּאי עָשִׂיתִי לָכֶם טוֹבוֹת, עַתָּה **חָנּוּנִי נָא בָּזֹאת** וְהַנִּיחוּ אוֹתִי לֵילֵךְ, כִּי בְּוַדַּאי לֹא אָשׁוּב אֶל הַמְּדִינָה עוֹד, וְאֵין לָכֶם לְהִתְיָרֵא. הַנִּיחוּ לִי וְאֵלֵךְ וְאֶהְיֶה עַל כָּל פָּנִים חָפְשִׁי יְמֵי חַיַּי שֶׁיֵּשׁ לִי לִחְיוֹת. **וְהִנִּיחוּ אוֹתוֹ.**

**וְהָיָה הוֹלֵךְ וְהוֹלֵךְ.** בֵּין כָּךְ וּבֵין כָּךְ עָבְרוּ כַּמָּה שָׁנִים, וְהָיָה הוֹלֵךְ וְהוֹלֵךְ הַקֵּיסָר וּבָא עַל הַיָּם. וְנָשָׂא גַּם־כֵּן הָרוּחַ אֶת הַסְּפִינָה **וּבָא גַּם־כֵּן אֶל הַמִּדְבָּר הַנַּ"ל,** עַד שֶׁבָּא אֶל הַמָּקוֹם שֶׁיּוֹשְׁבִים שָׁם אֵלּוּ הַשְּׁנַיִם הַנַּ"ל (הַיְנוּ הַבָּחוּר בֶּן הַבֶּערְגֶּיר וּבִתּוֹ הַיְפַת־תֹּאַר, שֶׁלְּבוּשָׁה בְּבִגְדֵי זָכָר, כַּנַּ"ל).

**וְלֹא הִכִּירוּ זֶה אֶת זֶה,** כִּי כְּבָר נִתְגַּדֵּל הַקֵּיסָר בִּשְׂעָרוֹת **וּכְבָר עָבְרוּ כַּמָּה שָׁנִים.** וְכֵן הֵם גַּם־כֵּן כְּבָר נִתְגַּדְּלוּ בִּשְׂעָרוֹת, כַּנַּ"ל. וְשָׁאֲלוּ אוֹתוֹ: מֵאַיִן בָּאתָ לְכָאן? וְהֵשִׁיב לָהֶם: עַל יְדֵי סוֹחֵר וְכוּ', וְכֵן הֵם הֵשִׁיבוּ לוֹ וְכוּ'.

**אַמָאל אִיז זִי צוּ אִים גִיקוּמֶען.** אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט אִיר אוֹיף גִיעֶפִינְט דָאס חֶדֶר וָואס דָארְט זֶענֶען גִישְׁטַאנֶען דִי גִילְדִינֶע פֵייגִיל וְכוּ׳ הָאט זִי גִיזֶעהְן סֶע אִיז זֵייעֶר **אַ ווִילְד חִידוּשׁ.**

**אוּן דִי אִיבְּרִיקֶע מֶענְשְׁן** וָואס זֶענֶען מִיט אִיר גִיוֶוען (דְהַיְינוּ דִי וַואךְ וְכוּ׳) הָאבִּין אוֹיךְ גִיוָואלְט אַרַיין גֵיין אִין דֶעם חֶדֶר. **הָאט עֶר גִיזָאגְט. נֵיין נֵיין.** דָאס וַוייז אִיךְ נִיט קֵיין שׁוּם מֶענְשְׁן נָאר דִיר. וַוייל דוּ בִּיסְט דֶעם קֵיסֶרְ'ס טָאכְטֶער. אָבֶּער פַאר אַנְדֶערֶע ווִיל אִיךְ דָאס גָאר נִיט וַוייזִין. אִיז זִי אַלֵיין אַהִין אַרַיין גִיגַאנְגֶען.

**אִיז עֶר אוֹיךְ אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דֶעם חֶדֶר אַרַיין.** אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁלָאסִין דִי טִיר. אוּן עֶר הָאט גִיטָאן פְּרָאסְטִי אוּן הָאט גִינוּמֶען אַ זַאק אוּן הָאט זִי מִיט גִיוַואלְד אַרַיין גִילֵייגְט אִין זַאק אַרַיין. אוּן עֶר הָאט פוּן אִיר אַרָאפּ גִינוּמֶען אַלֶע אִירֶע קְלֵיידֶער. אוּן עֶר הָאט **אָנְגִיטָאן דִי קְלֵיידֶער אַ מַאטְרָאס** אוּן עֶר הָאט אִים פַארְהָאנְגֶען דָאס פָּנִים אוּן הָאט אִים אַרוֹיס גִישְׁטוּפְּט אוּן עֶר הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט. גֵיי. אוּן דֶער מַאטְרָאס עֶר וֵוייסְט גָאר נִיט וָואס מִיט אִים טוּט זִיךְ.

**אוּן תֵּיכֶּף ווִי עֶר אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען** אוּן דָאס פָּנִים אִיז אִים גִיוֶוען פַאר הָאנְגֶען. אוּן דָאס חַיִל (דְהַיְינוּ דִי וַואךְ) הָאט נִישְׁט גְוואוּסְט. הָאבִּין זֵיי אָנְגִיהוֹיבִּין מִיט אִים צוּ גֵיין תֵּיכֶּף. זֵיי הָאבְּן גִימֵיינְט אַז דָאס אִיז דִי בַּת קֵיסֶר. אוּן דֶער מַאטְרָאס אִיז גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם חַיִל וואוּ זֵיי הָאבְּן אִים גִיפִירְט. **אוּן עֶר הָאט גָאר נִיט גְוואוּסְט ווִי עֶר אִיז אִין דֶער וֶועלְט.**

**בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען** אִין דֶעם חֶדֶר אַרַיין וָואס דִי בַּת קֵיסֶר אִיז דָארְט גִיזֶעסִין. הָאט מֶען אִים אָפּ גִידֶעקְט דָאס פָּנִים. הָאט מֶען דֶערְזֶעהְן. אַז דָאס אִיז גָאר אַ מַאטְרָאס.

**אִיז גִיוָוארִין דָארְט זֵייעֶר אַ ווִילְדֶער רַעַשׁ.** (אוּן דֶעם מַאטְרָאס הָאט מֶען אָנְגִיפַּטְשְׁט גַאנְץ גוּט אִין פָּנִים אוּן מֶען הָאט אִים אַרוֹיס גִישְׁטוּפְּט וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ קֵיין חַיֵּיב נִיט וָוארִין עֶר הָאט גָאר נִיט גְוואוּסְט).

**אוּן דֶער רוֹצֵחַ** הָאט גִינוּמֶען דִי בַּת קֵיסֶר. אוּן עֶר הָאט גְוואוּסְט אַז מֶען וֶועט אִים בְּוַודְאַי נָאךְ יָאגִין. אִיז עֶר אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן דֶער שִׁיף אוּן עֶר הָאט זִיךְ מִיט אִיר בַּאהַאלְטִין אִין **אַ גְרוּבּ** וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען רֶעגְן וַואסֶער בִּיז דֶער רַעַשׁ וֶועט אִיבֶּער גֵיין.

**אוּן דִי מַאטְרָאסִין** פוּן דֶער שִׁיף הָאט עֶר אָנְגִיזָאגְט אַז זֵיי זָאלִין תֵּיכֶּף אָפּ שְׁנַיידִין דִי אַנְקֶערְס אוּן זֵיי זָאלִין תֵּיכֶּף אַנְטְלוֹיפְן. וָוארִין מֶען וֶועט זֵיי בְּוַודְאַי תֵּיכֶּף נָאךְ יָאגִין. אוּן שִׁיסִין וֶועט מֶען בְּוַודְאַי נִיט צוּ דֶער שִׁיף. מַחְמַת דֶער בַּת קֵיסֶר. וָוארִין זֵיי וֶועלִין זִיךְ מֵיינֶען אַז זִי אִיז דָארְט אִין דֶער שִׁיף. נָאר זֵיי וֶועלִין אַייךְ נָאךְ יָאגִין. אִיבֶּער דֶעם **זָאלְט אִיר אַנְטְלוֹפִין תֵּיכֶּף.** וֶועט מֶען אַייךְ חַאפִּין וָואס אִיז. **אַזוֹי ווִי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז פוּן רוֹצְחִים.** זֵיי קוּקִין אוֹיף זִיךְ גָאר נִיט (כְּלוֹמֶר זֵיי זֶענֶען זִיךְ מַפְקִיר) אוּן אַזוֹי אִיז גִיוֶוען. סֶע גִיוָוארִין **אַ גְרוֹיסֶער רַעַשׁ.** אוּן מֶען הָאט זֵיי תֵּיכֶּף נָאךְ גִיָיאגְט. נָאר מְהָאט זִי דָארְט נִיט גִיפוּנֶען.

**אוּן דֶער רוֹצֵחַ הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטִין מִיט אִיר אִין אַ גְרוּבּ** פוּן רֶעגִין וַואסֶער. אוּן זֵיי זֶענֶען דָארְטִין גִילֶעגִין אוּן עֶר הָאט זִי גִישְׁרָאקִין. אַז זִי זָאל נִיט שְׁרַייעֶן. כְּדֵי מֶענְשְׁן זָאלִין נִיט דֶערְהֶערִין.

**אוּן עֶר הָאט צוּ אִיר אַזוֹי גִיזָאגְט.** אִיךְ הָאבּ מִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גִיוֶוען פוּן דַיינֶעט וֶועגִין כְּדֵי אִיךְ זָאל דִיךְ חַאפִּין. אוּן אַז אִיךְ זָאל דִיר ווִידֶער אָן וֶוערִין. אִיז מַיין לֶעבִּין בַּיי מִיר גָאר נִיט וֶוערְט. וָוארִין וַוייל דוּ בִּיסְט שׁוֹין בַּיי מִיר אִין דִי הֶענְט. אַז אִיךְ זָאל דִיךְ ווִידֶער אָן וֶוערִין. **אוּן מֶע זָאל** דִיר אָפְּנֶעמֶען פוּן מִיר. **אִיז שׁוֹין מַיין לֶעבִּין בַּיי מִיר גָאר נִיט וֶוערְט.** דְרוּם ווִי בַּאלְד דוּ וֶועסְט נָאר אַ גִישְׁרֵיי טָאן. וֶועל אִיךְ דִיךְ

תֵּיכֶּף דֶערְוַוארְגְן. אוּן לָאז זִיךְ שׁוֹין מִיט מִיר טָאן וָואס סֶע וֶועט זִיךְ טָאן. וָוארְן אִיךְ בִּין שׁוֹין בַּיי מִיר גָאר נִיט וֶוערְט.

**הָאט זִי מוֹרָא גִיהַאט** פַאר אִים (כְּלוֹמֶר דִי בַּת קֵיסֶר וָואס זִי אִיז גִילֶעגְן אִין דֶעם גְרוּבּ מִיט דֶעם רוֹצֵחַ הָאט מוֹרָא גִיהַאט צוּ שְׁרַייעֶן וַוייל דֶער רוֹצֵחַ הָאט זִי גִישְׁרָאקְן) דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן דָארְט מִיט אִיר.

**אוּן עֶר הָאט זִי גִיפִירְט** אִין שְׁטָאט אוּן זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען אוּן זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אֵיין אָרְט. אוּן דֶער רוֹצֵחַ הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָארְט זוּכְט מֶען אוֹיךְ.

**הָאט עֶר זִיךְ** מִיט אִיר וִוידֶער בַּאהַאלְטְן. אִין **אַ מִקְוֶה.** אוּן דֶער נָאךְ אִיז עֶר פוּן דָארְט אוֹיךְ אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען אוּן אִיז גִיקוּמֶען צוּ אֵיין אַנְדֶער אָרְט הָאט עֶר זִיךְ דָארְט אוֹיךְ מִיט אִיר בַּאהַאלְטְן אִין אֵיין אַנְדֶער וַואסֶער אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ מִיט אִיר בַּאהַאלְטְן אַלֶע מָאל אִין אֵיין אַנְדֶער וַואסֶער.

**בִּיז עֶר הָאט זִיךְ מִיט אִיר בַּאהַאלְטְן** אִין דִי אַלֶע **זִיבְּן עֶרְלֵיי וַואסֶערְן** וָואס דֶער בֶּערְגֶער הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט אִיר מוּטֶער כַּנַּ"ל. וָואס דָאס זֶענֶען **דִי זִיבְּן עֵדוּת** כַּנַּ"ל.

**בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען** מִיט אִיר אוֹיף דֶעם יַם. הָאט דֶער רוֹצֵחַ דָארְט גִיזוּכְט כָאטְשֶׁע אַ קְלֵיין שִׁיפְל פוּן דִי וָואס חַאפְּן פִּישׁ כְּדֵי עֶר זָאל מִיט אִיר אַרִיבֶּער. הָאט עֶר גִיפוּנֶען אַ שִׁיף.

**הָאט עֶר גִינוּמֶען דִי בַּת קֵיסֶר.** אוּן עֶר הָאט זִי נִיט גִידַארְפְט וָוארְן עֶר אִיז גִיוֶוען אַ סָרִיס כַּנַּ"ל. נָאר עֶר הָאט גִיוָואלְט זִי פַארְקוֹיפְן צוּ אֵיין מֶלֶךְ. אוּן עֶר הָאט מוֹרָא גִיהַאט טָאמֶער וֶועט מֶען זִי אַוֶועק חַאפְּן בַּיי אִים.

**אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען** אוּן הָאט זִי אָנְגִיטָאן אִין קְלֵיידֶער פוּן **אַ מַאטְרָאס.** הָאט זִי אַפָּנִים גִיהַאט **וִוי אַ זָכָר.** אוּן דֶער רוֹצֵחַ אִיז מִיט אִים גִיפָארְן אוֹיף דֶעם יַם (דְהַיינוּ מִיט דֶער בַּת קֵיסֶר וָואס מִיר רוּפְן זִי אָן בִּלְשׁוֹן זָכָר מַחְמַת דֶער רוֹצֵחַ הָאט זִי אַזוֹי פַארְשְׁטֶעלְט כַּנַּ"ל)

**אִיז גִיקוּמֶען אַ שְׁטָארֶעם וִוינְט** אוּן הָאט אַוֶועק גִיטְרָאגְן דִי שִׁיף צוּ אֵיין בָּארְטְן אוּן דִי שִׁיף אִיז צוּ בְּרָאכְן גִיוָוארְן אוּן זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ דֶעם בָּארְטְן וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען דִי מִדְבָּר **וָואס דָארְט אִיז גִיזֶעסְן דֶער בָּחוּר** הַנַּ"ל.

**וִוי זֵיי זֶענֶען אַהִין גִיקוּמֶען.** אוּן דֶער גַזְלָן אִיז גִינִיט גִיוֶוען אִין וֶועגְן אַזוֹי וִוי זֵייעֶר סֵדֶר אִיז הָאט עֶר גִיוואוּסְט. אַז דָא אִיז אֵיין אָרְט פוּן מִדְבָּר. וָואס קֵיין שִׁיפְן קוּמֶען אַהֶער נִיט. אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר דָא שׁוֹין קֵיין מוֹרָא נִיט גִיהַאט פַאר קֵיין שׁוּם מֶענְשְׁן הָאט עֶר זִי גִילָאזְט.

**זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען** (דְהַיינוּ דֶער רוֹצֵחַ אוּן דִי בַּת קֵיסֶר) דֶער אַהֶער אוּן דֶער אַהֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ זוּכְן עֶפֶּעס עֶסְן. הָאט זִי זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן דֶעם גַזְלָן. אוּן דֶער גַזְלָן אִיז גִיגַאנְגֶען אִין זַיין וֶועג. **אוּן עֶר הָאט דֶערְזֶעהְן אַז זִי אִיז נִיט דָא לֶעבְּן אִים.** הָאט עֶר אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייעֶן צוּ אִיר.

**אוּן זִי הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען.** אוּן הָאט אִים גָארְנִיט גִיעֶנְפֶערְט. וָוארְן זִי הָאט זִיךְ גִיטְרַאכְט. מַיין סוֹף אִיז זִיךְ עֶר וֶועט מִיר פַארְקוֹיפְן. נָאךְ וָואס זָאל אִיךְ אִים עֶנְפֶערְן אוֹיבּ עֶר וֶועט וִוידֶער אָנְקוּמֶען צוּ מִיר. וֶועל אִיךְ אִים עֶנְפֶערְן. אִיךְ הָאבּ נִיט גִיהֶערְט. בִּפְרַט הַרְגֶענֶען וִויל עֶר זִיךְ מִיךְ נִיט. וָוארְן עֶר וִויל זִיךְ מִיךְ פַארְקוֹיפְן.

**הָאט זִי אִים נִיט גִיעֶנְפֶרְט.** אוּן זִי אִיז וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען. אוּן דֶער גַזְלָן הָאט זִי גִיזוּכְט אַהִין אוּן אַהֶער אוּן עֶר הָאט זִי נִיט גִיקָאנְט גִיפִינֶען. אוּן עֶר אִיז וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט זִי אַלְץ נִישְׁט גִיקָאנְט גִיפִינֶען. אוּן מִן הַסְתָּם הָאבְּן אִים חַיוֹת רָעוֹת אוֹיף גִיגֶעסְן.

**אוּן זִי אִיז גִיגַאנְגֶען** וַוייטֶער וַוייטֶער. אוּן זִי הָאט זִיךְ גִיפוּנֶען עֶפֶּעס עֶסְן. אוּן אִיז אַזוֹי גִיגַאנְגֶען בִּיז זִי אִיז גִיקוּמֶען צוּ דֶעם אָרְט **וָואס דָארְט אִיז גִיזֶעסְן דֶער בָּחוּר** הַנַּ"ל (דְהַיינוּ דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן הַנַּ"ל) **אוּן זִי אִיז שׁוֹין דֶערְוַוייל** פַארְוַואקְסְן גִיוָוארְן מִיט הָאר אוּן דֶערְצוּ אִיז זִי גִיוֶוען אָנְגִיטָאן וִוי **אַ זָכָר** אִין דִי קְלֵידֶער פוּן **אַ מַאטְרָאס** כַּנַּ"ל הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִיט דֶערְקֶענְט אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע.

**אוּן תֵּיכֶּף** וִוי זִי אִיז גִיקוּמֶען. אִיז עֶר פְרֵיילֶעךְ גִיוָוארְן וָואס סֶע אִיז דָא גִיקוּמֶען נָאךְ אַ מֶענְשׁ. הָאט עֶר זִי

גיִפְרֶעגְט. פוּן וַואנֶען קוּמְסְטוּ אַהֶער. הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶּערְט אִיךְ בִּין גֶעוֶוען מִיט אַ סוֹחֵר אוֹיף דֶעם יַם וְכוּ'. הָאט זִי אִים גֶעפְרֶעגְט פוּן וַואנֶען קוּמְסְטוּ אַהֶער. הָאט עֶר אִיר אוֹיךְ גִיעֶנְפֶערְט. דָארְךְ אַ סוֹחֵר. זֶענֶען זֵיי דָארְט בֵּיידֶע גִיזֶעסְן.

**אוּן דֶער נָאךְ** ווִי דִי בַּת קֵיסֶר אִיז אַוֶועק גִיחַאפְּט גִיוָוארְן פוּן דֶעם קֵיסֶר כַּנַ"ל. **הָאט דִי קֵיסֶרְ'טֶע זֵייעֶר גִיקְלָאגְט** אוּן זִי הָאט זִיךְ גִישְׁלָאגְן קָאפּ אִין דֶער וַואנְט. אוֹיף דֶעם וָואס אִיר טָאכְטֶער אִיז פַארְפַאלְן גִיוָוארְן.

**אוּן זִי הָאט דֶעם קֵיסֶר** זֵייעֶר גִיגֶעסְן מִיט רֵייד. זִי הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט. **אִיבֶּער דַיין גַדְלוּת**. הָאסְטוּ דֶעם בָּחוּר אוֹיס גִיבְּרַאכְט. אוּן הַיינְט אִיז **אוּנְזֶער טָאכְטֶער פַארְלָארְן גִיוָוארְן**. אוּן זִי הָאט גִיזָאגְט. זִי אִיז זִיךְ גִיוֶוען גָאר אוּנְזֶער מַזְל אוּן גָאר אוּנְזֶער הַצְלָחָה. הַיינְט הָאבְּן מִיר זִי פַארְלָארְן. וָואס אִיז מִיר שׁוֹין גִיבְּלִיבְּן **הַיינְט**. אוּן זִי הָאט אִים זֵיעֶר גִיגֶעסְן.

**אוּן אִים אַלֵיין** אִיז זִיךְ בְּוַודְאַי אוֹיךְ זֵייעֶר בִּיטֶער גִיוֶוען דָאס וָואס דִי טָאכְטֶער אִיז פַארְפַאלְן גִיוָוארְן דֶערְצוּ הָאט דִי קֵיסֶרְ'טֶע אִים זֵייעֶר גִיגֶעסְן אוּן זֵייעֶר דֶערְצֶערְנְט. אוּן סֶע גִיוָוארְן גְרוֹיסֶע קְרִיג אוּן עֶסִינִישׁ צְוִוישְׁן זֵיי.

**אוּן זִי פְלֶעגְט אִים רֵיידְן** דְבָרִים רָעִים בִּיז זִי הָאט אִים זֵייעֶר דֶערְצֶערְנְט. בִּיז עֶר הָאט זִי גִיהֵייסְן **פַארְשִׁיקְן**. אוּן עֶר הָאט גִיזֶעצְט דַיָינִים אוֹיף אִיר. הָאבְּן זֵיי גִיפַּסְקֶ'ט אַז מֶען זָאל זִי **פַארְשִׁיקְן**. הָאט מֶען זִי **פַארְשִׁיקְט**.

**דֶערְנָאךְ** הָאט דֶער קֵיסֶר גִישִׁיקְט אִין דֶער מִלְחָמָה אַרַיין. אוּן עֶר הָאט נִיט מַצְלִיחַ גִיוֶוען. הָאט עֶר דָאס אָנְגִיהָאנְגֶען אִין אַ יֶעדְנִירַאל. וַוייל דוּ הָאסְט אַזוֹי גִיטָאן דְרִיבֶּער הָאסְטוּ אָנְגִיוָוארְן דִי מִלְחָמָה. הָאט עֶר **דֶעם יֶעדְנִירַאל פַארְשִׁיקְט**. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר ווִידֶער גִישִׁיקְט אִין דֶער מִלְחָמָה אַרַיין. אוּן הָאט ווִידֶער נִיט מַצְלִיחַ גִיוֶוען הָאט עֶר ווִידֶער **פַארְשִׁיקְט** יֶעדְנִירַאלְן אוּן אַזוֹי הָאט עֶר **פַארְשִׁיקְט כַּמָה יֶעדְנִירַאלְן**.

**הָאט דִי מְדִינָה** גִיזֶעהְן אַז עֶר טוּט ווִילְדֶע זַאכְן פְרִיר הָאט עֶר **פַארְשִׁיקְט דִי קֵיסֶרְ'טֶע**. דֶערְנָאךְ יֶעדְנִירַאלְן. הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען (דְהַיינוּ דִי מְדִינָה) טָאמֶער פַארְקֶערְט. מֶען זָאל **שִׁיקְן נָאךְ דֶער קֵיסֶרְ'טִי**. אוּן אִים זָאל מֶען **פַארְשִׁיקְן**. אוּן דִי קֵיסֶרְ'טֶע זָאל פִירְן דִי מְדִינָה.

**הָאבְּן זֵיי אַזוֹי גִיטָאן**. אוּן הָאבְּן **דֶעם קֵיסֶר פַארְשִׁיקְט**. אוּן **דִי קֵיסֶרְ'טֶע הָאבְּן זֵיי צוּרִיק גִינוּמֶען**. אוּן **זִי הָאט גִיפִירְט דִי מְדִינָה**.

**אוּן דִי קֵיסֶרְ'טֶע** הָאט תֵּיכֶּף גִישִׁיקְט אַז מֶען זָאל ווִידֶער צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דֶעם בֶּערְגֶער מִיט זַיין וַוייבּ דִי בֶּערְגֶערן (וָואס דֶער קֵיסֶר הָאט זֵיי מַשְׁפִּיל גִיוֶוען אוּן הָאט זֵיי גִימַאכְט פַאר אָרִימֶע לַייט כַּנַ"ל) אוּן זִי הָאט זֵיי אַרַיין גִינוּמֶען אִין אִירֶע פַּאלַאצְן.

**אוּן דֶער קֵיסֶר**. ווִי עֶר אִיז **פַארְשִׁיקְט גִיוָוארִין**. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט גִיבֶּעטִין דִי וָואס הָאבִּין אִים גִיפִירְט. אַז זֵיי זָאלִין אִים לָאזִין. וָוארִין אִיךְ בִּין זִיךְ פָּארְט גִיוֶוען אַייעֶר קֵיסֶר. אוּן אִיךְ הָאבּ אַייךְ בְּוַודְאַי גִיטָאן טוֹבוֹת. **הַיינְט**. טוּט מִיר דָאס צוּלִיבּ **אוּן לָאזְט מִיךְ גֵיין**. וָוארִין אִיךְ וֶועל זִיךְ מִיךְ שׁוֹין בְּוַודְאַי נִיט אוּם קֶערִין צוּ דֶער מְדִינָה. **הָאט אִיר קֵיין מוֹרָא נִיט צוּ הָאבִּין**. לָאזְט מִיךְ. לָאם אִיךְ מִיר גֵיין. לָאם אִיךְ כָּאטְשֶׁע פְרַיי זַיין **דָאס בִּיסְל לֶעבִּין וָואס אִיךְ הָאבּ נָאךְ צוּ לֶעבְּן**.

**הָאבִּין זֵיי אִים גִילָאזְט**. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען. דֶערְוַוייל זֶענֶען אַוֶועק גִיגַאנְגֶען כַּמָה שָׁנִים **אוּן** דֶער קֵיסֶר **אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען** בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם יַם.

**הָאט דֶער ווִינְט** דִי שִׁיף אוֹיךְ אַוֶועק גִיטְרָאגִין. **אוּן עֶר אִיז אוֹיךְ גִיקוּמֶען צוּ דֶער מִדְבָּר** הַנַ"ל. בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ דֶעם אָרְט וָואס **זֵיי בֵּיידֶע זֶענֶען דָארְט גִיזֶעסִין** (דְהַיינוּ דֶער בָּחוּר דֶעם בֶּערְגִירְס זוּן. אוּן זַיין טָאכְטֶער דִי יְפַת תּוֹאַר וָואס זִי אִיז גִיגַאנְגֶען ווִי אַ זָכָר)

**הָאבִּין זֵיי זִיךְ נִיט דֶערְקָאנְט** אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע. וָוארִין דֶער קֵיסֶר אִיז שׁוֹין פַארְוַואקְסְן גִיוָוארִין מִיט הָאר אוּן סֶע אִיז שׁוֹין אַוֶועק גִיגַאנְגֶען כַּמָה שָׁנִים אוּן זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אוֹיךְ פַארְוַואקְסִין גִיוָוארִין מִיט הָאר כַּנַ"ל.

**הָאבִּין זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט** פוּן וַואנֶעט קוּמְסְטוּ אַהֶער. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט דוּרְךְ אַ סוֹחֵר. אוּן אַזוֹי זֵיי הָאבְּן אִים אוֹיךְ אַזוֹי גִיעֶנְפֶערְט. זֶענֶען דִי **דְרַיי דָארְט גִיזֶעסִין אִין אֵיינֶעם**. אוּן הָאבִּין דָארְט גִיגֶעסִין אוּן גִיטְרִינְקֶען. כַּנַ"ל.

בס"ד

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען ________________

טעלפון ________________

שטאט ________________

## בחינה אויף ספורי מעשיות

### די צענטע מעשה (5) - פונעם בערגיר מיטן ארימאן

**א. וואס האט ער איר באוואוזן איינע פון די מאלן וואס זי איז צו אים געקומען?**

- ❑ זילבערנע כלים וואס ער האט געהאט
- ❑ די צימער וואס דארט זענען געשטאנען די גאלדענע פייגעלעך
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואס האט דער רוצח געטאן ווען ער איז אריין אין צימער מיט די טאכטער פון קיסר?**

- ❑ ער האט איר מיט געוואלד אריין געלייגט אין א זאק
- ❑ ער האט אראפ גענומען אירע אלע קליידער און האט עס אנגעטאן פאר א מאטראס און פארדעקט זיין פנים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. וואס האט מען געטאן פאר'ן מאטראס נאכדעם וואס מ'האט געזען אז ער איז אנשטאט די בת קיסר?**

- ❑ מ'האט אים פארשיקט
- ❑ מ'האט אים גע'הרג'עט
- ❑ מ'האט אים אנגעפאטשט גאנץ גוט אין פנים און מ'האט אים ארויס געשטופט

**ד. וואו האט זיך דער רוצח ערשט באהאלטן מיט די טאכטער פון קיסר?**

- ❑ אין א גרוב מיט שלענג און עגדיסן
- ❑ אין א מקוה
- ❑ אין א גרוב מיט רעגן וואסער

**ה. אין וועלכע פלעצער האט זיך דער רוצח באהאלטן מיט די טאכטער פון קיסר?**

- ❑ אין זיבן פלעצער, א גרוב, מקוה, היילן, פעלדער, וועלדער, מדבריות, טייכן.
- ❑ אין די אלע זיבן וואסערן וואס דער בערגיר האט זיך באהאלטן מיט איר מוטער.
- ❑ אין א גרוב און אין א מקוה

**ו. וועלכע קליידער האט דער רוצח אנגעטון די טאכטער פון קיסר?**

- ❑ מיט קעניגליכע קליידער און זי האט אויסגעזען ווי א קעניגין
- ❑ מיט קליידער פון א מאטראס און זי האט אויסגעזען ווי א זכר
- ❑ מיט צוריסענע קליידער און זי האט אויסגעזען ווי א ארימאן

**ז. וואס איז געשען מיטן שיף אינמיטן וועג?**

- ❑ א שטורעם ווינט האט עס צובראכן
- ❑ עס האט זיך איבערגעדרייט
- ❑ גזלנים האבן עס בארויבט

**ח. וואו זענען אנגעקומען דער רוצח און די טאכטער פון קיסר, ווען זיי זענען אראפ פון שיף?**

- ❑ צו א פוסטע מדבר
- ❑ צו די מדבר וואו דער קעניג געפינט זיך דארט
- ❑ צו די מדבר וואו דער זוהן פון בערגיר געפינט זיך דארט

**ט. וואס האט זי געטון ווען דער רוצח האט געשריגן צו איר?**

- ❑ זי האט אים געענטפערט
- ❑ זי האט אים נישט געענטפערט
- ❑ זי האט זיך באהאלטן אונטער א בוים

**י. צו וואו איז אנגעקומען די טאכטער פון קיסר ווען זי איז אנטלאפן פונעם רוצח?**

- ❑ צוריק צום קעניגליכן פאלאץ
- ❑ צו די פלאץ וואו דער קעניג געפינט זיך דארט
- ❑ צו די פלאץ וואו דער זוהן פון בערגיר געפינט זיך דארט

**יא. וואס האט די קיסר'טע געטון נאכדעם וואס מ'האט אוועק גענומען איר טאכטער?**

- ❑ זי איז געזיצן און געוויינט
- ❑ זי האט זייער געקלאגט און זיך געשלאגן קאפ אין דער וואנט
- ❑ זי האט געבעטן פון אירע באדינערס מ'זאל איר גיין זוכן

**יב. וואס האט די קיסר'טע געטון פארן קיסר נאכדעם וואס מ'האט אוועק גענומען איר טאכטער?**

- ❑ זי האט געשריגן אויף אים
- ❑ זי האט אים געגעסן מיט רייד
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יג. וואס האט דער קיסר געטון פאר די יעדניראלן?**

- ❑ אראפגעגנידערט זייער פאסטן
- ❑ זיי פארשיקט
- ❑ געשריגן אויף זיי

**יד. וואס האט מען געטון פאר דעם קיסר נאכן פארשיקן די יעדניראלן?**

- ❑ מ'האט אים פארשיקט
- ❑ מ'האט אים גע'הרג'ט
- ❑ מ'האט אים אריין געווארפן אין ים

**טו. וואו אהין איז דער קיסר אנגעקומען?**

- ❑ צו דער פלאץ וואו דער רוצח געפינט זיך
- ❑ צו דער פלאץ וואו דער בערגיר געפינט זיך
- ❑ צו דער פלאץ וואו דער זוהן פון בערגיר און די טאכטער פון קיסר געפינען זיך

**טז. וואס לערנסטו זיך דערווייל ארויס פון די מעשה?**

- ❑ אז ארימקייט איז נאר אין דעת
- ❑ די מידה פון הכרת הטוב
- ❑ ________________.

## מיט אסאך הצלחה!!!

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

דעם רבינ'ס ליכט

אריין צו גיין אין א גורל שיק די בחינה צו א פעקס אין א"י 15326519611 אדער צו: L3233287@gmail.com

# דעם רבינ'ס מעשיות



שם ______________________

טלפון ______________________

עיר ______________________

## מבחן בספורי מעשיות

### מעשה י' (5) - מבערגיר ועני

**א. מה הראה הרוצח לבת הקיסר כשהגיעה אליו באחד הפעמים?**
- ☐ הראה לה כלי כסף שהיה לו שם בחדר
- ☐ הראה לה הצפרים של זהב שהיה בחדר
- ☐ שתי התשובות נכונות

**ב. מה עשה הרוצח כשנכנס לבדו עם בת הקיסר בחדר?**
- ☐ הניח את בת הקיסר בעל כרחה בתוך שק
- ☐ פשט ממנה מלבושיה והלבישם את מאטראס (מלח) אחד וכסה פניו
- ☐ שתי התשובות נכונות

**ג. מה עשו למאטראס אחרי שגילו שהוא היה במקום הבת קיסר?**
- ☐ שלחו אותו למרחוק
- ☐ הרגו אותו
- ☐ טפחו על פניו היטב היטב ודחפוהו

**ד. היכן נטמן הרוצח עם בת הקיסר בתחילה?**
- ☐ בבור עם נחשים ועקרבים
- ☐ במקוה
- ☐ בבור שהיה בו מי גשמים

**ה. בכמה ובאיזה מקומות הטמין עצמו הרוצח עם הבת קיסר?**
- ☐ בשבעה מקומות, בבור במקוה במערות בשדות ביערות במדברות בנחלים
- ☐ בשבעה מקומות של מים, בבור במקוה באגמים במעין בנחלים בנהרות בימים
- ☐ בשני מקומות בבור ובמקוה

**ו. איזה בגדים הלביש הרוצח את בת הקיסר?**
- ☐ בבגדי מלכותה ונדמית למלכה
- ☐ בבגדי מאטראס ונדמית לזכר
- ☐ בבגדים קרועים ונדמית לעני

**ז. מה קרה עם הספינה בדרך?**
- ☐ הגיע רוח סערה ושבר הספינה
- ☐ נתהפכה הספינה
- ☐ באו גזלנים ושדדו אותם

**ח. להיכן הגיעו הרוצח עם הבת קיסר כשירדו מהספינה?**
- ☐ למדבר שממה
- ☐ למדבר שהמלך היה שם
- ☐ למדבר שבן הבערגיר היה שם

**ט. מה עשתה הבת קיסר כשהגזלן (הרוצח) צעק אליה?**
- ☐ השיבה לו
- ☐ לא השיבה לו
- ☐ התחבאה מתחת לעץ

**י. לאן הגיעה הבת קיסר כשברחה מהרוצח?**
- ☐ חזרה לארמון המלוכה
- ☐ למקום שהיה המלך יושב שם
- ☐ למקום שהיה יושב שם בן הבערגיר

**יא. מה עשתה הקיסרית אחרי שנלקחה הבת קיסר?**
- ☐ ישבה ובכתה
- ☐ מקוננת ומכה ראשה בכותל
- ☐ בקשה ממשרתיה שילכו לבקשה

**יב. מה עשתה הקיסרית למלך?**
- ☐ היתה צועקת עליו
- ☐ היתה מצערת אותו בדברים
- ☐ שתי התשובות נכונות

**יג. מה עשה המלך ליעדניראלין?**
- ☐ הוריד אותם ממדריגתם
- ☐ שילח אותם
- ☐ צעק עליהם

**יד. מה עשו למלך אחר כך?**
- ☐ שלחו אותו
- ☐ הרגו אותו
- ☐ זרקו אותו לים

**טו. לאן הגיע המלך בסוף?**
- ☐ למקום שהרוצח הגיע לשם
- ☐ למקום שהיה שם הבערגיר
- ☐ למקום שהיה שם בן הבערגיר ובת הקיסר

**טז. מה אתה לומד מהסיפור בינתיים?**
- ☐ שאין עני אלא מן הדעת
- ☐ מדת הכרת הטוב
- ☐ ______________________.

## בהצלחה!!!

ספורי מעשיות שסיפר רבינו הקדוש הם קודש קדשים וכונתו ז"ל הייתה כדי לעורר אותנו משנתינו הרוחנית, וללמד אותנו דעת ודרך ישרה לעבודת השם יתברך בהתעוררות הלב, כמו שאמר רבינו: ש"ספורי מעשיות שלו מסוגלים לעורר מהשינה", ולמען דעת אשר בכל תיבה ותיבה מאלו המעשיות טמונים סודות התורה טמירים ונעלמים, כנשמע מפיו הקדוש בעצמו, ואפילו איש פשוט אשר יקרא אותם יכול להוציא לעצמו מוסר והתעוררות להשם יתברך

להיכנס להגרלה ניתן לשלוח תשובות לפקס 15326519611 או ל: L3233287@gmail.com